# פרשת תרומה כ"ח שבט - ד' אדר א' תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת תרומה***

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א** באכסנייתו בפאלם ספרינגס.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** עס גייט אזוי שנעל אדורך, מען דארף בלייבן לענגער.

**האדמו"ר מפאפא:** די צייט לויפט. די וועלט זאגט נאך אויפן **צאנזער רב זי"ע**, אז ער האט געזאגט, אז ער קען שנעל שלאפן. די תכלית איז דאך נאר אויפצוטון, וואו מען קען, דארף מען זעהן אויפצוטון. עס שטייט אין ספרים הק', אז אלעס איז אנגעגרייט פאר יודישע קינדער, אז זיי זאלן זיך קענען פירן בקדושה. יצב גבלות עמים למספר בני ישראל (דברים לב-ח), יעדע מדינה דארף זיך האבן זיינע גבולים, און זיינע שטעט, אז יודישע קינדער זאלן קענען אהינקומען.

**רבינו:** עס איז באמת א רואיג פלאץ דא, בגשמיות וברוחניות.

**האדמו"ר מפאפא:** עס איז א אינטערעסאנטע זאך, געווענליך די פלעצער גייען די גוים נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, און דא איז עס גאנץ בחסד.

**רבינו:** מען זעהט נישט א סווימינ"ג פא"ל אינדרויסן, יעדער איז פאר זיך.

**הרה"ג רבי לוי יצחק גרינוואלד שליט"א** (בן האדמו"ר מפאפא): עס איז זייער אינטערעסאנט, אסאך פון די הייזער דא האבן א מויער פון פארנט. עס איז זייער צניעות'דיג.

**רבינו:** רש"י זאגט אויפן פסוק (במדבר כד-ב) וירא את ישראל שוכן לשבטיו, ראה שאין פתחיהם מכוונים זה כנגד זה, שלא יציץ לתוך אוהל חבירו. איך האב געזעהן שטיין, אז רש"י זאגט נישט, אז מען האט געמאכט עקסטער פאר זיך אז יענער זאל נישט ארייקוקען צו מיר. רש"י זאגט, אז מען האט אזוי געמאכט, אז עס זאל נישט זיין אקעגן איבער דעם אנדערן, אז איך זאל נישט זעהן וואס טוט זיך ביי יענעם. יעדער וויל זיין פריוואט, אז מען זאל נישט קוקען אויף אים.

**האדמו"ר מפאפא:** אין שלחן ערוך (חו"מ סימן קנ"ד סעיף ג') שטייט, אז מען זאל נישט בויען אזוי. און דער שכן קען מעכב זיין דעם חבר. ווען מען האט געבויט ביי אונז אין בית המדרש, האב איך מעורר געווען, אז עס איז דא דארט א פענסטער אקעגן איבער, האט מען אפגעשמועסט אז די אונטערשטע פענסטער'ס זאלן זיין פארמאכט, אז מען זאל נישט קענען ארייקוקען. - א פתח דארף זיין, אבער מען דארף האבן א שכן טוב. מען איז דאך מתפלל יעדן טאג, שתצילני משכן רעה. עס איז גוט צו האבן שכנים, אבער עס דארף זיין א שכן טוב. דער **בעלזער רב זצ"ל** פלעגט זאגן, מען דארף וואוינען צווישן יודען, צווישן היימישע יודען, און די שכנים זאלן זיך נישט האבן פון וועם צו שעמען.

**רבינו:** מען זאגט נאך פונעם **אהבת ישראל זצ"ל**, אז א יוד דארף זיין גוט 'צו' יעדן, אבער נישט 'מיט' יעדן. פון א חברותא דארף מען אכט געבן.

קבלת התורה איז אויך געווען אין א מדבר. מען זעהט אז ווען מען איז ארויס פון מצרים איז מען אנגעקומען אין אילים, און מען האט נישט געהאט צו טרינקען, אן מען האט געטראפן שתים עשרה עינות מים און שבעים תמרים (שמות טו-כז). עס מאכט זיך אלץ אין א מדבר א פלאץ ווי עס איז דא טייטלביימער מיט קוועלער וואסער. דער באשעפער לאזט נישט איבער, אז מען זאל נישט קענען עקזיסטירן.

**האדמו"ר מפאפא:** איך האב היינט גערעדט דערפון צו דאס הייסט דקלים. די פוסקים האבן א שמועס צו א לולב דארף קומען פון א בוים וואס עס וואקסט דערויף תמרים, פירות. (עיין **בחידושי חתם סופר** סוכה לד:, **שו"ת מנחת אלעזר** חלק ה' סימן ח', **חזון איש** או"ח סימן קנ"ו).

**רבינו:** עס איז דא אסאך ערליי מיני דקלים. אויסער די טייטלען וואס איז דא אויף די ביימער, איז דא וואס וואקסען אזעלכע קליינע אזוי ווי טרויבעלעך, עס הענגען גאנצע הענגלעך, אזוי ווי עס וואקסט תמרים.

**האדמו"ר מפאפא:** איך בין איינמאל געווען אין פלארידע מיט מיין טאטן ז"ל, איז געווען דארט א פוילישער יוד, ער איז געווען א פראפעסער פון באטעני"ק, פון צמחים. ער איז געקומען רעדן, און ער האט געזאגט זיינע געדאנקען, אז עס איז דא דקלים וואס זענען נקבות, מיט אהער מיט אהין. און ער האט זיך פארגעשטעלט אז דאס איז זיין קענטעניסן. פרעגט אים מיין טאטע ז"ל, דו ווייסט פון אזא זאך אז עס איז דא עופות וואס וואקסען אויף ביימער. קוקט ער אים אן, און ער פרעגט, ווער

זאגט אז עס איז דא אזא זאך. זאגט ער אים, עס שטייט אין שלחן ערוך (יו"ד סימן פ"ד סעיף טו).

**רבינו:** עס איז דא בעלי חיים וואס וואקסען פון די ערד. עכברא דדברא, האלב איז ער עפר, און האלב איז ער בשר (חולין קכו:).

**האדמו"ר מפאפא:** עס שטייט אין **הקדמת הרמב"ן** (על התורה), אז ארץ ישראל איז דער פלאץ פון וואו עס ווערט נשפע די אלע צינורות וואס עס וואקסען אין יעדע פלאץ. יעדע פלאץ האט זיך זיינע זאכן וואס עס וואקסן דארט. אין אונגארן וואקסען טרויבן וכדומה, און טערקיי האט געגומען די וואל. איינע פון די ענינים וואס מען נעמט טערקישע טליתים, ווייל טערקיי האט געגומען די וואל.

**רבינו:** מען זאגט דאך אויף די שווייצער בערג, אז דאס זענען בערג פון ארץ ישראל. די שיינקייט פון ארץ ישראל האט שווייץ געגומען. יפה נוף משוש כל הארץ (תהלים מח-ג).

**הר"ר שמואל וואסערמאן הי"ו הגיע ואמר:** דער רב האט נעכטן געזאגט (בסעודה שלישית), אז מען זאל זיך דרייען ביי ערליכע יודען, פרוביר איך.

**רבינו:** איך האב עס נישט מחדש געווען.

**הר"ר שמואל:** יעדע זאך דארף חיזוק.

**האדמו"ר מפאפא כיבד את רבינו לברך על הפירות**

**ונסתובב השיחה אודות שלוחי חב"ד בעולם**

**האדמו"ר מפאפא:** מען זעהט דא די פשוטע יודען, די אמעריקאנער יודען זענען אזעלכע תמימות'דיגע. זיי זענען עכטע תמימים, בעל שם'ס יודען.

**רבינו:** אין ליובאוויטש רופט מען אויך תמימים. ער איז א 'תמים'.

**הרה"ג רבי לוי יצחק:** אויב זיי וואלטן נישט דא געווען, וואלט מען נישט געקענט אהערקומען.

**רבינו:** אסאך פלעצער אין די וועלט איז אזוי. מען פארט אויף ביזנעס און געשעפטליך.

**הרה"ג רבי לוי יצחק:** מען וואלט נישט אזוי געפארן, אויב עס איז נישט דא קיין מנין און קיין מקוה.

**רבינו:** מען דארף דאך מתקן זיין די גאנצע וועלט, מוזן דאך יודען אנקומען אין ארבע כנפות הארץ. עס איז מן הסתם דא הונדערטער און טויזנטער משפחות וואס זענען נתקרב געווארן צו יודישקייט.

**הר"ר שמואל:** איך בין געווען אין פיטסבורג, איז דא דארט א חב"ד בית המדרש, און שבת דאווענען דארט בערך הונדערט פופציג יודען. און דער רב דארט האט מיר געזאגט, אז ניינציג פראצענט זענען בעלי תשובה.

**רבינו:** דער רב דא האט מיר געזאגט, אז ער האט אויפגעארבעט א משפחה דא צו יודישקייט, און ער האט זיי נישט געלאזט בלייבן דא, ער האט זיי געשיקט קיין ארץ ישראל. עס איז נישט קיין פלאץ דא צו בלייבן, עס איז נאר אדורכצוגיין. - משיח וועט אויך האבן די זעלבע ארבעט, צוזאמצונעמען אלע יודען מארבע כנפות הארץ, און מיט אסאך וועט מען מוזן אנהייבן פון די אל"ף.

**האדמו"ר מפאפא:** אין אליהו בא אלא לקרב המרוחקים (עדיות ח-ז).

**הר"ר שמואל:** משיח וועט אבער האבן א העלפער. מען זאגט דאך די ברכה, מקבץ נדחי עמו ישראל. מען דאנקט דעם אייבערשטען, אז ער איז דער מקבץ נדחי עמו ישראל.

**רבינו:** ונזכה ונחיה ונראה.

**רבינו** (פנה להרה"ג **רבי לוי יצחק**): ווען מאכסטו חתונה?

**הרה"ג רבי לוי יצחק:** ראש חודש כסלו אי"ה.

**רבינו:** נו, עס קען נאך זיין אין ירושלים.

**האדמו"ר מפאפא:** די ליובאוויטש'ער שרייבן אין די חתונה בריוו, החתונה תהיה בירושלים עיה"ק, און טאמער נישט, דארט און דארט.

**הרה"ג רבי לוי יצחק:** דער **חפץ חיים** האט אויך אזוי געשריבן.

**רבינו:** מען דארף נאר האלטן דערביי. אזוי ווי די וועלט רוקט זיך, קען שוין דער גלות נישט לאנג נעמען.

**האדמו"ר מפאפא:** אין יעדען דור וואקסט פארשידענע נסיונות, אהין און אהער.

**רבינו:** די היינטיגע יוגנט איז אזוי ווייט אפגערוקט פונעם פריערדיגן דור, ווי אפאר דורות. מען רעדט נישט פון די פריערדיגע דורות, נאר אפילו פון די ערשטע דור אין אמעריקא, און די צווייטע דור אין אמעריקא. מען דערקענט עס אין די חדרים, און אין די ישיבות, עס איז נישט די זעלבע סארט. מען האט היינט אזויפיל אינפארמעשא"ן אין קאפ, אז דאס לערנען גייט נישט אריין. אין אונזערע צייטן איז נישט געווען גארנישט. אויסער לערנען האט מען נישט געהאט וואס צו טון. ביי די קינדער איז היינט די קאפ אנגעפולט מיט אזויפיל אנדערע זאכן, אז דאס לערנען ווערט א טפל. אינדערהיים, ווען עס איז געווארן טונקעל ביינאכט, האט א בחור נישט געהאט וואס צו טון, אדער שלאפן אדער לערנען. שפילן קוויטלעך איז שוין געווען די גרעסטע עבירה וואס ער האט געקענט טון. עס איז נישט געווען קיין ראדיא, און נישט קיין צייטונג.

**הר"ר שמואל:** עס איז געווען איינגעפירט אין די ישיבות אז מען האט געלערנט גאר פרי פארטאגס, וואס דאס איז היינט בכלל נישט דא.

**רבינו:** ווייל מען האט זיך געלייגט פרי ביינאכט. זעקס אזייגער ביינאכט ווען עס איז געווארן טונקעל, האט ער נישט געהאט וואס צו טון. קיין טעלעפאן האט ער נישט געהאט, ער האט נישט געהאט וואו זיך ארומצודרייען, ווייל עס איז נישט געווען קיין לעקטער אויף די גאס. אדער איז ער געגאנגען שלאפן, אדער האט ער געלערנט ביינאכט.

**הר"ר שמואל:** אין אלע בתי מדרשים איז שוין געווען שיעורים פינף אזייגער פארטאגס. אבער היינט איז מען פארנומען די האלבע נאכט מיט חתונות, און וואכנאכט'ס, און מסיבות. און איבעראל מוז מען גיין.

**רבינו:** שובבי"ם זענען די בתי מדרשים געווען פול פארטאגס. ווען מען איז געקומען פינף אזייגער אין בית המדרש, האט מען נישט געהאט קיין פלאץ וואו צו זיצן. - זעהט אויס אז דער אייבערשטער האט הנאה פון דעם אויך.

**האדמו"ר מפאפא:** אבער עס ליגט היינט אסאך ארבעט אין די נסיונות וואס מען האט היינט.

**רבינו:** די וועלט זאגט, אז א ביזנעס וואס ברענגט נישט, פארשפארט מען. אז דער רבונו של עולם האט עס נאכנישט פארשפארט, איז א סימן אז עס ברענגט נאך עפעס.

דער באשעפער זאל העלפן, אז מען זאל זיך קענען צוזאמקומען מתוך שמחה וטוב לבב.

**ונפרדו לשלום**

*

***<u>יום שני פרשת תרומה</u>***

בשעות הערב הגיע **כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א** לביקור גומלין אצל **רבינו שליט"א**.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו:** משנכנס אדר מרבין בשמחה, היינט נאכט גייט מען אריין אין אדר, איז ביי מיר א שמחה אז מען קען אויפנעמען אזעלכע געסט. אונז הייב מיר אן גראד מיט א שמחה.

**האדמו"ר מפאפא:** יעדע פלאץ דארף דאך האבן א חיות פון רוחניות, א גאנץ יאר איז דא נישט דא אזוי קיין יודען. אבער ווען עס קומען אהער דא יודען, ברענגען זיי אריין א חיות אין דעם פלאץ.

דער **בית ישראל** האט געזאגט אויפן **בעלזער רב זצ"ל**, אז אינדערהיים זענען זיי געווען ביידע צוזאמען אין מארינבאד. דער בית ישראל איז געווען דארט מיטן טאטען, און ער איז נישט איינגעשטאנען אינעם זעלבן האטעל, נאר אין א אנדערע פלאץ. דעם ערשטען טאג וואס ער איז אנגעקומען, איז ער אויפגעשטאנען פארטאגס, און ער האט געוואלט גיין לערנען, ער איז נישט געווען באקאנט אין דעם פלאץ, און ער האט זיך ארומגעדרייט אין שטאט פארטאגס, און געזוכט א בית המדרש וואו מען קען אריינגיין. האט ער געזעהן ערגעץ וואו עס לייכט ארויס, איז ער אהינגעגאנגען, און עס איז געווען א האטעל, און ער האט אריינגעקוקט אין א שטוב, האט ער געזען דעם בעלזער רב לערנט דארט. עס איז געווען אין דעם צימער א בעט, מיט אפאר בענקלעך, און ער איז געשלאפן אויף די בענקלעך. דעם קומענדיגן טאג האט ער זיך געטראפן מיטן בעלזער רב'ס גבאי, איז ער צוגעגאנגען צו אים, און ער האט אים געזאגט, איך פארשטיי נישט וואס עס טוט זיך דא. וועגן דעם קומט מען קיין מארינבאד, צו שלאפן אויף בענקלעך? זאגט ער אים, אויב דו ווילסט אים וויי טון, זאלסטו רעדן פון אים.

**רבינו:** איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז ער איז אמאל געווען מיט זיין פאטער ביים **בעלזער רב רבי אהרן זי"ע**, אין באד (בעיר טשילקע). און רבי אהרן יהושע איז געווען דער גבאי, האט ער געזאגט פארן זיידען, אז דער בעלזער רב איז שוין דא צוויי דריי וואכן, און איך ווייס נישט פארוואס ער איז געקומען. ער איז נאך קיינמאל נישט ארויסגעגאנגען שפאצירן, ער האט נישט געלאזט עפענען קיין פענסטער די גאנצע צייט וואס ער איז דא. איך ווייס נישט וואס מען טוט דא אויף. האט ער געזאגט ווייטער, ווען איך זאג פארן רב אז מען דארף עפענען די פענסטער כדי עס זאל אריינקומען אביסל לופט, זאגט ער, אז די לופט דא איז אזוי גוט, אז עס קומט אריין מיט פארמאכטע פענסטערס אויך. שבת צופרי איז צוגעקומען רבי אהרן יהושע, און ער זאגט פארן זיידען, אז די נאכט איז געווען נייעס. ווען דער רב איז אהיימגעקומען פון טיש, האט ער געהייסען אז מען זאל עפענען די פענסטער, און ער איז צוגעגאנגען, און ער האט געגעבן א שמעק, אזוי ווי מען שמעקט בשמים, און ער האט געהייסען צומאכן די פענסטער. ער האט שוין יוצא געווען.

**האדמו"ר מפאפא:** יעדע פלאץ האט זיך דאך זיין תכלית. אז יודען קומען אהער, איז א סימן אז עס איז עפעס אנגעגרייט אויף דעם.

**רבינו:** מה' מצעדי גבר כוננו, ודרכו יחפץ (תהלים לז-כג). עס שטייט פונעם **בעל שם טוב הק'**, אז פונעם אייבערשטן איז צוגעגרייט וואו מען דארף אנקומען. א מענטש מיינט אז ער גייט 'דרכו', אויף זיין וועג. איינער גייט פאר געזונט, איינער גייט צו א דאקטער, איינער גייט זיך אפרוען, איינער גייט געשעפטליך.

**הר"ר שמואל:** עס איז שוין געווען אין די גמרא'ס צייטן אז מען איז געגאנגען. מען געפונט אין די גמרא, כי הוה מטייל...

**האדמו"ר מפאפא:** דער **סקווירא רבי זצ"ל** ווען ער איז געווען אין ארץ ישראל, איז ער געווען אין צפת, האט ער געעפענט די פענסטער, און ער האט געזאגט, צפת'ער לופט, צפת'ער לופט. עס האט געהאט ביי אים א שטארקע חשיבות. מען זאגט נאך, אז פאר ער איז ארויסגעגאנגען אין שטעטל האט ער געזאגט, אז אין שטאט בלייבט ער נישט. אדער גייט ער ארויס אויסער די שטאט, אז נישט גייט ער קיין צפת.

**הר"ר שמואל:** מען זאגט נאך, אז ווען ער איז געווען אינעם **אר"י הק'** מקוה, ווען ער איז ארויסגעקומען איז ער געווען אזוי צוקאכט, און ער האט געגעבן א זאג, זאגטס נישט אויס פאר מתתי' [פריזל, ער איז געווען דער טרעוול אגענט], ער וועט נאך צובעטן געלט...

**רבינו:** אווירא דארץ ישראל מחכים (בבא בתרא קנח:). איך האב געזעהן שטיין פון איינע פון די גרערער רבי'ס, אז ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, אז ער זאל ארויפגיין אויפן בארג, וראה בעיניך (דברים ג-כז), ער זאל קוקען אויף ארץ ישראל, האט ער דאך געזעהן די אויר פון ארץ ישראל, און אזוי ווי משה רבינו איז דער מקור החכמה, איז די חכמה פון משה רבינו אריינגעגאנגען אינעם אויר פון ארץ ישראל, וועגן דעם איז אוירא דארץ ישראל מחכים (עיין **בפרדס יוסף** פ' ואתחנן אות כה, שכן איתא **בלב שמחה** (פ' ואתחנן - תשמ"ג) בשם **המהרש"א**).

איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז דער **שבילי דוד זצ"ל** איז געווען רב אין אונגארן, און ער איז ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל. ער האט געהאט א שטוב מיט קליינע קינדער, און דאס איז געווען אמאל א זעלטענהייט, אז מען זאל פארן קיין ארץ ישראל מיט קינדער, נאר אויף דער עלטער פלעגט מען צו פארן. ארץ ישראל איז נישט געווען קיין פלאץ פון פרנסה, און פון חינוך געהעריג. ער איז געווען דארט אפאר יאר, און נאכדעם איז ער צוריקגעקומען קיין אונגארן. און יעדער האט זיך גע'חידוש'ט, מעיקרא מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר, פארוואס איז ער געגאנגען און פארוואס איז ער צוריקגעקומען. די וועלט זאגט, אז ער האט דערקענט אויף זיין זון, **רבי ישעי'**, דער **מעשי למלך**, אז ער וואקסט א גדול בישראל, און ער האט געזעהן אז אין ארץ ישראל וועט נישט אויסוואקסען פון אים גארנישט, ער וועט פארוואסערט ווערן צווישן די תלמידי חכמים דארט, און אין חוץ לארץ וועט ער קענען באשיינען מיט זיין גרויסקייט, איז ער צוריקגעקומען. דער טאטע ז"ל האט מיר געזאגט, אז דער **שבילי דוד** האט זיך אמאל געטראפן מיטן **קול אריה**, זיי זענען געווען חברים. און דער קול אריה זאגט פארן שבילי דוד, אז די וועלט וואונדערט זיך אויף אייך, איר זענט געפארן אויף ארץ ישראל, און נאכדעם זענט איר צוריקגעקומען. האט ער ווייטער געזאגט, ביי מיר איז עס נישט קיין קשיא, איך פארשטיי עס זייער גוט. ווען איר זענט געווען דא, האט איר געמיינט אז ארץ ישראל איז בעסער, האט איר געוואלט פארן קיין ארץ ישראל. ווען איר זענט אנגעקומען קיין ארץ ישראל, און אוירא דארץ ישראל מחכים, זענט איר צוגעקומען צו די חכמה אז דא איז בעסער, וועגן דעם זענט איר צוריקגעקומען.

**האדמו"ר מפאפא:** מען פארציילט אז עס איז געווען אמאל א יוד, וואס האט געשוועריצט סחורה, און מען האט אים געכאפט, און עס האט אים געווארט א משפט, איז ער געגאנגען צום **צאנזער רב** בעטן אז ער זאל אים פועל'ן א ישועה. און דער **צאנזער רב** האט זיך געבייזערט, דינא דמלכותא דינא. און דער יוד איז געווען אויסער זיך, וואס טוט מען דא. איז פונקט דארט געווען דער **תפארת שלמה**, האט ער געבעטן דעם תפארת שלמה אז ער זאל אים העלפן. האט אים דער **תפארת שלמה** געזאגט, אז ער זאל זיך נאכאמאל מזכיר זיין ביים טיש, און דער **צאנזער רב** האט ווייטער געזאגט, דינא דמלכותא דינא. האט דער **תפארת שלמה** געזאגט, זיי מאכן דען די גרעניצן, אונז וועל מיר זאגן וואו די גרעניץ איז. די גרעניץ איז נישט דארט, די גרעניץ איז ערגעץ אנדערש. און דער צאנזער רב האט מסכים געווען.

**רבינו:** יצב גבולות עמים.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**רבינו:** עס איז מרבין בשמחה, ויין ישמח לבב אנוש.

**רבינו:** לחיים, עס זאל זיין לחיזוק הכוחות, מען זאל קענען אהיימפארן תתחדש כנשר נעוריכי, און מען זאל קענען ווייטער אויפטון.

**האדמו"ר מפאפא:** דא בין איך מקיים די עקסערסייז מיטן גיין צום בית המדרש און קומען פון בית המדרש. דער טאטע ז"ל פלעגט אזוי צו זאגן, ווען ער פלעגט גיין באזוכן איינעם, און מען האט געזאגט אז ער דארף זיך נישט מטריח זיין, האט ער געזאגט, די דאקטער זאגט, אז מען דארף גיין.

**רבינו:** צום בית המדרש איז דאך דא שכר פסיעות אויך, איז דאך א ענין ממילא צו גיין.

**האדמו"ר מפאפא:** מיין זיידע דער **ויגד יעקב** איז געפארן אויף שבת נחמו צום **בעלזער רב זצ"ל**, ווען ער איז געווען אין באד. האט ער אים געפרעגט, צו וואס זענט איר געקומען. איר זענט געקומען אויף שבת, אדער צו זיין אין באד. האט ער געענפערט, רפואת הנפש ורפואת הגוף.

**רבינו:** דער טאטע איז נאך געווען ביים פריערדיגן רב?

**האדמו"ר מפאפא:** יא, נאך אין בעלזא, ער איז געווען מיטן זיידן דער **ויגד יעקב**. ער איז געווען אפאר מאל. אלץ קינד, און שפעטער איז ער געווען די לעצטע ימים טובים תרפ"ז. דעמאלטס איז ער שוין געווען א יונגערמאן.

**הרה"ג רבי לוי יצחק:** אמאל ווען ער איז געווען אין באד, האט מען נישט אריינגעלאזט נאר אנשים חשובים, און דער **בעלזער רב** האט געזאגט, אז מען זאל אריינלאזן דעם **הוניאדער רב'ס זון**. ער איז נאך געווען דעמאלטס א בחור.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** איז געווען איין מאל ביי **רבי ישכר דוב זי"ע** אין מארינבאד. עס איז געווען די לעצטע זומער, דער **בעלזער רב** איז אוועק חשון נאכדעם. מיין טאטע איז דעמאלטס געווען א בר מצוה בחור.

**האדמו"ר מפאפא:** ער פלעגט צו זאגן, אז אין בעלזא רופט מען אויס יום טוב ערב שבת, אז מען בעהט דער עולם זאל זיך צואיילן ווייל עס איז ערב שבת. און ער האט זיך זייער געוואונדערט, עס ווענט זיך נישט אינעם עולם, עס ווענט זיך אינעם רב. און ער איז געשטאנען אזוי פארטראכט, איז געווען דארט א עלטערע יוד, און ער זאגט אים, וואס פארשטייסטו נישט, דאס איז א מנהג נאך פון לובלין, כדי להזכיר זכות שבת. אזוי שטייט דאך אין די משנה (יומא כח.) עד שבחברון.

ביים רב ז"ל איז געווען אמאל א שמועס פאר תקיעת שופר פון פארשידענע זאכן, און מען האט אנגעהויבן צו רעדן פון טרויבן. די טרויבן איז גוט, צו יענע טרויבן איז גוט. ביז איינער האט זיך אנגערופן חברון'ער טרויבן זענען גוט. האט ער געזאגט, אה, יעצט קען מען שוין גיין צו תקיעת שופר.

**רבינו:** זכרה ישיני חברון.

**האדמו"ר מפאפא:** רבי ישעי' קארנבלי האט מיר דערציילט, ער איז געווען א בוי מייסטער, ער האט געארבעט מיט בויען הייזער, און דער **בעלזער רב** האט אים אויסגעפרעגט, וואס פארא דעכער ער מאכט, אזעלכע דעכער צו אזעלכע דעכער. האט ער געזאגט, אז אין חוץ לארץ מאכט מען שיפע דעכער און אין ארץ ישראל מאכט מען גלייכע דעכער, האט דער רב ז"ל זיך אנגערופן א לשון אין א משנה (עיין ברש"י מכות ז. ד"ה היה מעגל, ובע"ז ג. ד"ה בריש גגו), אז אין ארץ ישראל מאכט מען גלייכע דעכער (ועיין עוד בספר **בית הכנסת שבבעלזא** דף קעב).

פונעם **ערוגת הבשם** איז דא אזא מעשה, אז אלץ יונגערמאן, פאר ער איז געווארן א חסיד, איז ער געווען אין וויען, דער **בעלזער רב** איז אויך געווען אין וויען, און ער האט געווארט אריינצוגיין צום בעלזער רב. ווען ער איז אריינגעגאנגען איז געווען חצות הלילה, און דער **בעלזער רב** האט אים געפרעגט, צו וויען איז א שיינע שטאט צו נישט א שיינע שטאט. ער איז נאכנישט געווען א חסיד, און ער איז ארויסגעקומען זייער צובראכן, פאר דעם בין איך געקומען? דאס בין איך געקומען הערן? שפעטער האט ער זיך מתבונן געווען, אפשר האט ער געמיינט, אז די שטאט וויען זעהט אויס ווי ירושלים. דעם אנדערן טאג פארטאגס איז ער געגאנגען אין מקוה, און ווען ער איז אנגעקומען האט ער באגעגנט דעם **בעלזער רב**. האט אים דער בעלזער רב געזאגט, אזכרה אלקים ואהמיה בראותי כל עיר על תילה בנויה, ועיר האלקים מושפלת וכו' (הובא **בתולדות ערוגת הבשם** החדש ח"א דף שכה בארוכה).

**הר"ר שמואל:** רבי יעקב ווייס שליט"א וואס איז געווען מנהל אין די ישיבה, האט אמאל פארציילט, אז דער רבי ז"ל (**בעל ויחי יוסף מפאפא זצ"ל**) איז געווען חברים מיט זיין זיידע, רבי יוסף לייב ווייס ז"ל. און זיי זענען געפארן צום אויסטילא רב, ווען ער איז געווען אין אונגארן. און רבי יוסף לייב איז קודם צוגעגאנגען צום אויסטילא רב מיט א קוויטל, ער איז נאך געווען א בחור, און דער אויסטילא רב

וואונטשט אים אן, ער זאל האבן הצלחה און סייעתא דשמיא, און ער זאל האבן נשיאת חן. און ער האט זיך געוואונדערט אויף די ברכה, אז ער זאל האבן נשיאת חן. וואס איז שייך ביי אים נשיאת חן. און דער אויסטילא רב רופט אים צוריק, און ער זאגט אים, בחור, נשיאת חן דארף יעדער איינער האבן, סיי א בחור און סיי א יונגערמאן. און ווען ער איז אוועקגעגאנגען, האט אים דער רבי ז"ל געפרעגט, וואס האסטו געטראכט אז דער אוסטילא רב האט דיך צוריקגערופן. האט ער געזאגט, דאס האב איך טאקע געטראכט, וואס איז שייך ביי מיר נשיאת חן.

**האדמו"ר מפאפא:** דער רבי יוסף לייב האט מיר דערציילט, אז אינדערהיים אין סאטמאר, ווען דער **קרן לדוד** איז אריינגעקומען אין שלאכט הויז, איז געוועזן א שטארקע יראת הכבוד. דער רב איז אריינגעקומען, אלעס איז שטיל געבליבן, און יעדער האט געוויזן די חלפים.

**ונפרדו לשלום**

*

***יום חמישי פרשת תרומה***

בשעות הבוקר הגיע **רבינו שליט"א** למעון קדשו, בחזרה ממנוחתו בפאלם ספרינגס.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ובחן את תלמידי הישיבה גדולה על החזרה של שלחן ערוך שלמדו במשך הזמן (סי' שכ"ו - שכ"ט, הל' רחיצה ורפואה בשבת), והתפלל שם תפלת מנחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** (בתחלת הפרשה) בבית מדרשנו זכרון יהודא.

***נצטט כמה קטעים מתוך השיעור:***

**... ונראה** לומר על פי מה שאמרו חז"ל (יומא ד:) מנין שהאומר דבר לחבירו שהוא בבל תאמר, ווי אזוי ווייסען מיר, אז **ווען א מענטש זאגט א זאך פארן חבר, האט ער נישט קיין רעכט צו זאגן ווייטער וואס מען האט אים געזאגט**, שנאמר, ווייל עס שטייט אין פסוק (ויקרא א-א), וידבר ה' אליו מאהל מועד לאמור, פון דעם פסוק ווייס איך, אז ווען מען זאגט פאר איינעם א זאך, האט ער נישט קיין רעכט צו זאגן ווייטער. און דער **אור החיים הק'** האט אפגעלערנט, אז דער פשט איז, ווייל דאס ווארט לאמור איז איבריג, עס איז גענוג אז עס שטייט וידבר ה' אליו, פארוואס דארף שטיין לאמור. מוז זיין אז ווען דער אייבערשטער זאגט נישט לאמור, ווען ער זאל אים נישט געבן רשות צו זאגן ווייטער פאר א צווייטען, טאר מען נישט זאגן. וידבר ה' אליו, און ער האט אים געמוזט געבן א רעכט, לאמור, אז דו קענסט זאגן די דיבורים ווייטער. ווייל ווען א מענטש זאגט עפעס פאר זיין חבר, האט ער נישט קיין רעכט עס צו זאגן ווייטער. רש"י (יומא שם) טייטשט אביסל אנדערש, אז לאמור דאס איז 'לא אמור'. געווענליך ווען מען זאגט א זאך פאר א חבר איז לאמור, לא אמור, טארסטו עס נישט זאגן פאר א צווייטען, ביז איך געב דיר נישט קיין רשות, לאמור, אז דו קענסט עס זאגן.

**על** כל פנים, די גמרא זאגט, אז מען טאר נישט זאגן פארן חבר א זאך וואס ער האט געהערט, ביז מען באקומט נישט קיין רשות צו זאגן ווייטער. **א מענטש מיינט אז ווען ער האט עפעס געהערט, מען האט אים עפעס געזאגט, איז ער בארעכטיגט אז ער מעג אויספאקען פאר יעדן איינעם וואס מען האט אים פארציילט, זאגן די חז"ל אז עס איז נישט אזוי. ווען מען זאגט עפעס פאר א מענטש, האט ער נישט קיין רעכט עס צו פארציילען פאר א צווייטען, ביז יענער גיט אים נישט קיין רשות, אז דו קענסט עס זאגן.** אפשר האט עס יענער נאר געזאגט פאר דיר אליין, און ער האט דיר נישט געגעבן א רעכט, אז דו זאלסט עס זאגן פאר א צווייטען.

**די** גמרא רעדט נאר פון דיבור, אבער **עס איז היינט נתפשט געווארן אז מען נעמט פיקטשער"ס. מען פרעגט נישט יענעם, מען נעמט א בילד פון יענעם, און ווי אינטערעסאנטער די בילד איז, אלץ חשוב'ער איז עס. און מען שיקט עס תיכף ארום אין די האלבע וועלט, אז יענער האט געטון אזוי און אזוי.** וואס איז עס בעסער פון א דיבור? ווען ער זאגט מיר עפעס האב איך נישט קיין רעכט עס צו זאגן ווייטער, ווייל אפשר וויל ער נישט אז איך זאל עס זאגן. **און ווען איך האב געטון א זאך פריוואט, איך האב געטון א זאך נאר אין פארנט פון געוויסע מענטשען, האט מען א רעכט דאס צו נעמען און מפרסם צו זיין בארבע כנפות הארץ?!** אמאל האט מען נישט געקענט דערפון, ווייל עס איז נישט געווען שכיח. אמאליגע צייטן האט מען געדארפט האבן גאנץ א גרויסע

מאשין, און מען האט זיך געדארפט אראפשטעלן ממש אקעגן דעם כדי צו נעמען א בילד. שפעטער איז עס געווארן א קלענערע מאשינדל, אבער מען האט זיך געדארפט צוגרייטן דערצו, צו נעמען א בילד. היינט איז דאס זייער גרינג, היינט איז יעדער איינער א פאטאגראפיסט, יעדער איינער האט ביי זיך א קליין מאשינדל וואס ער קען פאטאגראפירן. ער נעמט ארויס זיין טעלעפאן, און וואו ער שטייט קען ער תיכף נעמען א בילד.

**איך בין דעם זומער געפארן אונטערוועגנס, איך בין געווען אין עירפארט, איז איינער געשטאנען אקעגן איבער, און גענומען א פיקטשע"ר. זאג איך אים, איך פארשטיי אז די בילד דארפסטו נישט פאר דיר אליין, מן הסתם ווילסטו עס ערגעץ שיקן. איך וויל דיר פרעגן, אפשר פאר איך יעצט אויף א פלאץ וואס איך וויל נישט אז מען זאל וויסן אז איך בין אהין געפארן. איך בין א רב אין א קהלה, אפשר האב איך עפעס צו ערלעדיגן אין א אנדערען מקום? מיט וואס פאר א רעכט נעמסטו א בילד, און דו גייסט עס מפרסם זיין, אז דו האסט מיר געטראפן דא אין עירפארט, אויף דעם און דעם פלאץ? זיי עס מיר מסביר?! איך וויל דיר פרעגן, דו וואלסט געוואלט אז מען זאל נעמען פון דיר א בילד וואו דו דרייסט דיך, און עס איבערשיקן?! זיכער נישט. פארוואס טראכסטו נישט אויף א צווייטען אויף די זעלבע. אפשר וויל יענער אויך נישט?! זאגט ער מיר, דער רב איז גערעכט, איך גיי עס טאקע נישט שיקן.** איך וויל ארויסברענגען דעם געדאנק. עס איז געווארן א היתר גמור, אז מען מעג נעמען פון יענעם א בילד, און עס מפרסם זיין, און שיקן איבעראל.

**איך בין געווען די וואך אין פאלם ספרינגס, צוויי מאל האט עס פאסירט, א גוי אויף די גאס איז אדורכגעגאנגען, און אזעלכע סארט יודען ווי אונז, זעהט מען דארט ווייניג, און ער שטעלט זיך אפ, און ער פרעגט צו ער האט רשות צו נעמען א פיקטשע"ר. ער האט נישט געכאפט א פיקטשע"ר, ער האט געפרעגט צו ער האט רשות צו נעמען. איך וויל ארויסברענגען, אז א אנשטענדיגער גוי פארשטייט, אז ער האט נישט קיין רעכט צו נעמען א בילד פון יענעם אויף די גאס, נאר אויב ער בעהט רשות. און ביי אונז איז עס געווארן אזוי נפרץ. און וויפיל מאל איז עס פארבינדען מיט בזיונות, און לשון הרע, וכדומה, וואס עס גייט ארויס.** איך וויל ארויסברענגען, אז עס האט א מקור אין די גמרא. די גמרא זאגט, אז ווען מען זאגט א זאך פאר יענעם, האט ער נישט קיין רעכט עס צו זאגן ווייטער, ביז מען גיט אים נישט קיין רשות. די זעלבע ווען א מענטש טוט עפעס א זאך, א מעשה, און ער ווייסט הונדערט פראצענט אז יענער וויל נישט אז די זאך זאל מען מפרסם זיין, וואס פאר א רעכט האט ער צו נעמען, און עס מפרסם זיין[א].

*

[א] להשלמת הענין נעתיק מתוך דברי **רבינו שליט"א** בשיעורו בשלחן ערוך בבית מדרשנו בבארא פארק (ביום א' פרשת ויצא תשע"ו לפ"ק), בשעה שלמד **דברי המגן אברהם** (בסוף סימן קנ"ו הל' משא ומתן) המרגל בחבירו עובר בלא תעשה, שנאמר (ויקרא יט-טז) לא תלך רכיל בעמך. איזה רכיל, זה שטוען דברים, והולך מזה לזה, ואומר, כך אמר פלוני וכך שמעתי על פלוני, אף על פי שהוא אמת, הרי זה מחריב העולם ע"כ, הוסיף **רבינו שליט"א** ואמר: די פוסקים געבן צו דערויף, אז דאס מיינט אז ער פארציילט זאכען וואס פאר יענעם איז נישט ניחא, אז מען זאל עס מפרסם זיין. א מענטש זאגט אמאל א זאך, וואס פאר די קבוצה וואלט ער עס געזאגט, אבער דאס מיינט נישט אז ער וואלט עס אויסגעקלאפט אז יעדער זאל עס הערן. און ווען א מענטש גייט, און ער טראגט עס ארום, איך האב געהערט אז ראובן האט געזאגט אזוי און אזוי, און דער זאך קען אים ברענגען א שאדן, אדער עס קומט ארויס א אומאנגענעמליכקייט ווען אנדערע הערן עס, איז דא אויף דעם א לאו פון לא תלך רכיל בעמך (עיין **בשמירת הלשון** ריש הל' רכילות).

**און אין דעם איז נכלל, וואס מען נעמט היינט פיקטשער'ס פון אלע זייטן. ווען ער זעהט אז א מענטש טוט עפעס אן אינטערעסאנטע זאך, נעמט ער דערפון א פיקטשער, און ער שיקט עס ארום פאר די האלבע שטאט, איז דא אויף דעם א לאו אין די תורה, לא תלך רכיל בעמך. ווען איינער האט געטון א זאך, און ער וויל נישט אז די זאך זאל ווערן מפורסם וכדומה, טאר מען עס נישט מפרסם זיין.**

ונעתיק עוד מתוך שיחת **רבינו שליט"א** בסעודת מלוה מלכה פרשת פנחס תשע"ה לפ"ק: דער **ראפשיצער רב זי"ע** האט אלץ גענומען א גבאי, וואס איז געווען א שוטה, כדי ער זאל אים נישט נאכקוקען זיינע זאכען. דער **ראפשיצער רב** האט מורא געהאט, אז דער גבאי וועט אויפכאפן אלעס וואס ער רעדט, האט ער גענומען אזא גבאי וואס כאפט נישט אויף אלעס וואס מען זאגט. ווען א מענטש רעדט אין שטוב, רעדט ער אנדערש ווי ווען ער רעדט מיט ידידים, און ווי ווען ער רעדט פאר א ציבור. היינט איז געווארן אז וואס מען רעדט א ווארט אויף א פלאץ, ווערט תיכף אפגעשריבען, און עס קומט תיכף

**...די** גמרא (ראש השנה כא:) זאגט, אז חמשים שערי בינה נבראו בעולם, דער אייבערשטער האט באשאפן פופציג שערים אין חכמה, וכולן ניתנה למשה, אלעס האט מען געגעבן פאר משה רבינו, ער האט משיג געווען אלע חמשים שערי בינה, חסר אחת, אויסער איינס. אזוי שטייט אין פסוק (תהלים יב-ז) אז די תורה איז מזוקק שבעתים. שבעתים איז זיבן מאל זיבן, און זיבן מאל זיבן איז ניין און פערציג. און מיר האבן נאר מ"ט שערי בינה פון די תורה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שם ח-ו) ותחסרהו מעט מאלקים, דער אייבערשטער האט מחסר געווען עפעס וויניגער פון אלקים. און אז אלקים איז נ' שערי בינה, און ותחסרהו מעט מאלקים, האבן מיר נישט קיין השגה נאר אין מ"ט שערי בינה.

**קודם** לאמיר מסביר זיין די גמרא, אז חמשים שערי בינה נבראו בעולם, עס איז דא פופציג שערים אין חכמה. און אלעס האט מען אונז איבערגעגעבן, נאר ותחסרהו מעט מאלקים, עפעס וויניגער פונעם אייבערשטען. דער אייבערשטער איז פופציג, און מיר האבן נאר ניין און פערציג. דער פשט אין די גמרא איז נישט, אז חכמה באשטייט פון פופציג שערים, און נישט מער, און דער אייבערשטער כביכול איז אביסל קלוגער פון אונז. מיר האבן ניין און פערציג, און דער אייבערשטער האט פופציג. ח"ו אזוי צו זאגן. דעם אייבערשטענ'ס חכמה קענען מיר נישט משיג זיין. וואס דער מענטש איז נאר משיג, איז עס גארנישט אקעגן דעם אייבערשטענ'ס חכמה. די גמרא זאגט נאר, אז עס איז 'נבראו בעולם', אויף די וועלט איז באשאפן געווארן פופציג שערי בינה. אבער חכמה אין הימל קען זיין מיליאנען שערים וואס איז דא אלץ אין חכמה. אבער וויפיל א בשר ודם זאל קענען משיג זיין אין חכמה, האט דער אייבערשטער באשאפן פופציג שערי בינה, און פון וויפיל דער אייבערשטער האט באשאפן אויף די וועלט, איז ותחסרהו מעט, האט משה רבינו נאר באקומען דערפון ניין און פערציג, ער האט נישט זוכה געווען צו האבן די גאנצע פופציג. - דאס מיינט, אז ווען מען זאגט ותחסרהו מעט מאלקים, איז נישט דער טייטש אז דער אייבערשטער האט מחסר געווען דעם מענטש, משה רבינו, אז ער איז עפעס וויניגער פון אלקים, כביכול דער אייבערשטער האט פופציג שערים, און אונז פארשטיי מיר נאר ניין און פערציג. נאר פון וויפיל עס איז באשאפן געווארן אויף די וועלט, האבן מיר נאר ניין און פערציג. אבער די חכמה וואס איז דא אין די תורה האט נישט קיין שיעור.

**יעדער** מענטש ווייסט ביי זיך אליין אז אין חכמה איז דא זייער אסאך מדריגות. יעדע קינד האט שכל, און ער קען אפילו זיין א קלוג קינד, אבער ווען מען ווערט עלטער ווערט ער געוואר אז די גרויסע חכמה וואס ער האט געהאט ביז יעצט איז געווען נארישקייטן. ווען מען ווערט נאך עלטער, פארשטייט מען אז די פריערדיגע חכמה וואס מען האט געהאט, איז גארנישט. **אויסער א בחור מיינט אז ער איז דער קלוגסטער אויף די וועלט! ער איז קלוגער פון יעדן איינעם, ער האט שוין משיג געווען די העכסטע מדריגה פון חכמה. ער איז קלוגער פון זיין טאטע, ער איז קלוגער פון זיין רבי, און ער פארשטייט בעסער יעדע זאך.** נו, ער בלייבט דאך אויך נישט קיין בחור אויף שטענדיג, ער האט חתונה, און ער ווערט עלטער, און ער זעהט איין אז ביז צו בן ארבעים לבינה, איז מען נאכנישט אנגעקומען צו די ריכטיגע חכמה. און פון די פערציג יאר און העכער געפונט מען אויך (סוף קנים) תלמידי חכמים כל זמן שמזקינין דעתן מתיישבת עליהן. חכמה האט זייער אסאך מדריגות. - די

---

אן אין די גאנצע וועלט. מען האט אוועקגענומען די פריוואטקייט, וואס מען האט אמאל געקענט רעדן א ווארט איינער צום צווייטען.

**מיט בילדער איז אויך געווארן די זעלבע, א זאך וואס א מענטש טוט אין שטוב, וועט ער נישט טון אינדרויסן אויף די גאס. און א זאך וואס א מענטש מאכט ביי זיך אין הויף, מאכט ער נישט אינדרויסען. היינט, וואס מען טוט, קומט אן אין ארבע כנפות הארץ, פון איין מינוט אויפן צווייטען. און מען דארף מעורר זיין, אז מען זאל וויסען דערפון, אז עס איז אן איסור גמור, און מען טאר עס נישט טון.** מה טובו אהליך יעקב (במדבר כד-ה), יודען זענען געווען אין פתחיהן מכוונות זה כנגד זה (רש"י שם), אפילו נאר ארייגקוקען צו יענעם אין שטוב, וואס יענער טוט א פריוואטע זאך, איז דא אן איסור פון היזק ראיה, און מען טאר נישט (עיין ב"ק ס., ובשו"ע חו"מ הל' נזקי שכנים סימן קנ"ד). **ווען א מענטש טוט א זאך, און עס קומט א פרעמדער און ער טוט עס צושפרייטען אויף די גאנצע וועלט, אין וועלכע מא"ד יענער איז געווען, און ווי אזוי ער איז דעמאלטס געשטאנען, און וואס ער האט געטון, דאס איז א זאך וואס מען טאר נישט על פי תורה. מענטשען כאפן זיך נישט, מען קען אמאל מזיק זיין יענעם מיט א קלייניגקייט. מיט איין קלי"ק וואס ער האט געגעבן, האט ער יענעם שאדען געמאכט.**

וועלט פרעגט, **אויב עס איז דא אזויפיל קלוגע קינדער, יעדע מאמע זאגט חכמה'ליך פון די קליינע קינדער, מען איז זייער קלוג. דעמאלטס ווי אזוי איז דא אויף די וועלט אזויפיל נארנים?** אויב יעדעס קינד איז אזוי קלוג, ווי אזוי זענען אפירגעקומען די נארנים. זאגט די וועלט, אז זיי בלייבן מיט די קינדערישע שכל. ער איז קלוג, אבער ער וואקסט נישט מער. און אז ער וואקסט נישט מער, בלייבט ער שפעטער א נאר...

**יעדער מיינט אז ער איז דער קלוגער, און דער חבר איז דער נאר!** דאס איז אויך א חלק ווי אזוי דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט. איך האב געהערט פון מיין פעטער, דער **קאטמונ'ער רב זצ"ל**, האט ער געזאגט, אז מען זאגטביים דאווענען, מה רבו מעשיך ה', כולם בחכמה עשית. צוויי יודען וואס זיצען איינער נעבן דעם צווייטען, ראובן טראכט, איך בין דער חכם, און דער חבר וואס זיצט נעבן מיר איז דער נאר. דער חבר שמעון טראכט פונקט אזוי ווי ער טראכט, אז איך בין דער קלוגער, און דער וואס זיצט נעבן מיר איז דער נאר. אזוי איז דא א וועלט פון מיליאנען מענטשען, וואס יעדער איינער האט א געוויסע מדריגה פון חכמה, און יעדער טראכט אז ער איז דער חכם, און דער אנדערער איז דער נאר. 'מה רבו מעשיך ה', ווי גרויס זענען די מעשים פונעם אייבערשטען, אז 'כולם בחכמה עשית', דער אייבערשטער האט באשאפן אלע מענטש, אז יעדער מיינט, אז ער איז דער חכם...

**אין** חכמה איז דא זייער אסאך מדרגות. מען זעהט אין תורה אליין, צו וואס פארא מדריגות חכמי ישראל זענען צוגעקומען. א קצות, א רבי עקיבא איגר, וכדומה, וואס האבן באלאכטען די וועלט מיט זייער תורה, און יעדער האט מעיד געווען ווי גרויס זייער חכמה איז. אויף די תורה אליין, שטייט אין מדרש (קה"ר יא-ז), אז די תורה וואס מיר האבן היינט, איז גארנישט אקעגן די תורה וואס מיר וועלן האבן ווען משיח וועט קומען. נישט נאר אז די תורה וואס משיח וועט לערנען מיט אונז, איז א העכערע תורה פון וואס מיר האבן היינט, נאר מיר וועלן געוואר ווערן, אז דאס וואס מיר האבן היינט, איז הבל אקעגן די תורה וואס משיח וועט לערנען מיט יודען. אלעס וואס איז דא אין ספרים שאנק, ווען מען וועט עס שפעטער צושטעלן אקעגן די חכמה וואס תורה האט, איז אלעס הבל אקעגן וואס עס וועט זיין שפעטער. חכמה איז זייער טיף, אונז טו מיר אלעס שאצן לויט אונזער מענטשליכע שכל, ווי ווייט חכמה גייט. אבער חכמה איז אסאך טיפער פון וויפיל מיר זענען משיג. און ווי עלטער מען ווערט, איז מען אלץ משיג מער און מער, און מען פארשטייט, אז די חכמה וואס מען האט געהאט ביז יעצט, איז נישט קיין חכמה.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **חיים זאב שאהנבערגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **צבי באדענשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של החתן **יקותיאל שמואל** נ"ו בן הר"ר **ישראל אשר פראמאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **גדליה האפמאן** הי"ו, שהתקיים באולם בית אסתר. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***<u>שבת קודש פרשת תרומה</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי לייב שרה'ס** (לרגל היומא דהילולא ביום ד' אדר ב'), **ומהרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאלוב זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ז' אדר ב'). בברכת המזון נתכבד הבחור בנש"ק **שלמה זלמן כ"ץ** נ"ו.

בקריאת התורה התקיים שמחת העליה לתורה של החתן **חיים יהושע** נ"ו, בן הר"ר **מרדכי נאה** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את הר"ר **אשר יעקב מענצער** הי"ו בברכת המזון.